# געזעץ (2009:724) וועגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעט־שפּראַכן

ביז עס־עף־עס 2018:1367

עס־עף־עס־נומער: 2009:724

דעפּאַרטעמענט/אַדמיניסטראַציע: גער קולטור־דעפּאַרטעמענט

געשאַפֿן: 2009-06-11
פֿאַרענדערט ביז עס־עף־עס 2018:1367

פֿאַרענדערן־רעגיסטער: עס־עף־עס־ער (רעגירונג־ביוראָ)

קוואַל: גאַנצער טעקסט (רעגירונג־ביוראָ)

## אַלגעמיינע באַשטימונגען

§1 דאָס אָ געזעץ האַלט באַשטימונגען וועגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, נאַציאָנאַלע מינאָריטעט־שפּראַכן, פֿאַרוואַלטונג־שטחים און דאָס רעכט צו ניצן מינאָריטעט־שפּראַכן ביַי פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס און געריכטן, און אויך באַשטימונגען וועגן געריאַטריק. דאָס געזעץ האַלט אויך באַשטימונגען וועגן אָפּשאַצונג און דער דורכפֿירונג מיט דעם געזעץ. געזעץ (2018:1367).

§2 די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן זיַינען ייִדן, ראָמען, סאַמען, שוועדישע פֿינלענדער און טאָרנעטאָלער לויט דעם, וואָס שוועדן האָט נעמען אויף זיך צו פֿאָלגן דעם אייראָפּעיִשן רעם־קאָנווענץ וועגן שיצן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן (SÖ 2002:2) און די אייראָפּעיִשע כאַרטיע וועגן ראַיאָן־ און מינאָריטעט־שפּראַכן (SÖ 2000:3).

אין דעם געזעץ וועגן שפּראַכן (2009:600) שטייט אַז די נאַציאָנאַלע מינאָריטעט־שפּראַכן זיַינען פֿיניש, ייִדיש, מיענקיעלי, ראָמאַני טשיב און סאַמיש.

§3 קאָמונעס און קאַונטיס זאָלן אינפֿאָרמירן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן וועגן זייערע רעכט און דעם אלגעמיינעם אַחריות לויטן אָ געזעץ און כּללים פֿאַרבונדן מיטן אָ געזעץ. דאָס גילט אויך פֿאַר מלוכישע פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס וואָס אַרבעט איז וויכטיק פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אָדער די מינאָריטעט־שפּראַכן. געזעץ (2018:1367).

§4 אינעם געזעץ וועגן שפּראַכן (2009:600) שטייט אַז די עפֿנטלעכקייט טראָגט אַ ספּעציעל אַחריות ווען ס'קומט צו שיצן און אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

די עפֿנטלעכקייט זאָלן אויך פֿאַרבעסערן די מעגלעכקייטן פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן וואָס שייך אָפּהיטן און אַנטוויקלען זייערע קולטורן אין שוועדן. מע זאָל ספּעציעל פֿאָקוסירן אויף קינדערס אַנטוויקלונג פֿון אַ קולטורעלער אידענטיטעט און די מעגלעכקייטן צו ניצן די אייגענע מינאָריטעט־שפּראַכן.

§5 די פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס זאָלן געבן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן מעגלעכקייטן צו האָבן אַ דעה אויף מינאָריטעט־ענינים און, אַזוי פֿיל ווי מעגלעך, צוזאַמענאַבעטן מיט די מינאָריטעטן ווען ס'קומט צו אַזוינע ענינים.

צוזאַמענאַרבעט, לויט דעם אויבּיקן פּאַראַגראַף, זאָל מען דורכפֿירן דורך אַ סטרוקטורירטן דיאַלאָג צווישן דער פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציע און די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, כּדי צו צוהערן אויף די מינאָריטעטנס באַמערקונגען און נייטיקייטן וואָס שייך דאָס באַשליסן פֿון דער אַדמיניסטראַציע. געזעץ (2018:1367).

§ 5א פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס זאָלן ספּעציעל פֿאַרבעסערן די מעגלעכקייטן פֿון קינדער און יוגנט צו האָבן אַ דעה אויף און זיַין אַ טייל פֿון צוזאַמענאַרבעטן ווען ס'קומט צו ענינים וועלכע זיַינען וויכטיק פֿאַר זיי. מע זאָל אויך צופּאַסן די פֿאָרמען צום מצבֿ פֿון די קינדער און יוגנט. געזעץ (2018:1367).

§ 5ב קאָמונעס און קאַונטיס זאָלן אָננעמען צילן און דירעקטיוון פֿאַר זייער מינאָריטעט־פּאָליטישער אַרבעט.

ווען געפֿאָדערט, זאָל מען איבערגעבן אינפֿאָרמאַציע וועגן צילן און דירעקטיוון, וועלכע מען האָט אָנגענומען לויט דעם אויבנדיקן פּאַראַגראַף, צו דער אַדמיניסטראַציע וואָס טראָגט דאָס אַחריות פֿאַר דער אָפּשאַצונג לויט §20. געזעץ (2018:1376).

## פֿאַרוואַלטונג־שטחים

§6 די אָ קאָמונעס זײַנען אַ טייל פֿון דעם פֿאַרוואַלטונג־שטח פֿאַר פֿיניש: באָט'טשירקע, עסקילסטונע, דזשעליוואַרע, האַלסטאַ'האַמאַר, האַנינגע, האַפּאַראַנדע, הודינגע, האָבאָ, קירונע, טשאָפּינג, פּאַיאַלע, סיגטונע, סאָלנע, שטאָקהאָלם, סאָדערטעליע, טיִערפּ, אופּלאַנדס וועסבי, אופּלאַנדס־בראָ, אופּסאַלע, עלוו'קאַרלעבי, אָסטעראָקער, אָסטהאַמאַר און אָווערטאָרנע'אָ.

די אָ קאָמונעס זײַנען אַ טייל פֿון דעם פֿאַרוואַלטונג־שטח פֿאַר מיענקיעלי: דזשעליוואַרע, האַפּאַראַנדע, קירונע, פּאַיאַלע און אָווערטאָרנע'אָ.

די אָ קאָמונעס זײַנען אַ טייל פֿון דעם פֿאַרוואַלטונג־שטח פֿאַר סאַמיש: אַרדזשעפּלאָג, אַרווידסדזשאַור, בערג, דזשעליוואַרע, הערדזשעדאַלען, דזשאָק'מאָק, קירונע, ליקסעלע, מאַלאָ, סאָרסעלע, סטאָרומאַן, סטראָמסונד, אומע'אָ, ווילהעלמינע, אָרע, עלוודאַלען און אָסטערסונד.

§7 אַנדערע קאָמונעס פֿון זיי דערמאָנט אין §6 קענען אַפּליקירן אויף ווערן אַ טייל פֿון דעם פֿאַרוואַלטונג־שטח פֿאַר פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש. די רעגירונג באַשליסט אויב אַ קאָמונע מעגט יאָ זײַן אַ טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח.

אַ קאָמונע וואָס איז אַ טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח לויט אַ באַשלוס פֿון דער רעגירונג קען אַפּליקירן אויף אַרויסטרעטן פֿונעם פֿאַרוואַלטונג־שטח. די רעגירונג מעגט נאָר באַשטעטיקן אַן ארויסטרעט אויב עס זײַנען דאָ זייער גוטע גרונטן.

די רעגירונג קען אָנזאָגן פֿאָרשריפֿטן וועגן אײַנטרעט צו און אַרויסטרעט פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח. געזעץ (2018:1367).

## דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש בײַ אַדמיניסטראַציעס

§8 אינדיווידן האָבן דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש ווען זיי שטעלן זיך אין שריפֿטלעכע אָדער מויליקע פֿאַרבינדונג מיט אַ פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציע וואָס אַרבעטן אין גאַנצן אָדער צום טייל אין דער מינאָריטעט־שפּראַכס פֿאַרוואַלטונג־שטח. דאָס איז חל אויף ענינים ווו אַן אינדיוויד רעפּרעזענטירט זיך אַליין אָדער עמעצן אַנדערש, טאָמער דער ענין האָט שײַכות מיטן פֿאַרוואַלטונג־שטח.

טאָמער, ניצט מען פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש אין אַזאַ ענין, מוז די אַדמיניסטראַציע ענטפֿערן אויף דער זעלבער שפּראַך. אינדיווידן וואָס האָט נישט קיין יורידישן פֿאָרטרעטער האָבן אויך דאָס רעכט צו פֿאָדערן אַ שריפֿטלעכע איבערזעצונג פֿון באַשלוסן און באַשלוס־גרונטן אינעם ענין אויף פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש.

די אַדמיניסטאַציע מוז אויך אין אַלגעמיין שטרעבן צו ענטפֿערן אינדיווידן אויף די דאָזיקע שפּראַכן.

§9 מחוץ אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח האָבן אינדיווידן דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש ווען זיי שטעלן זיך אין שריפֿטלעכער אָדער מויליקער פֿאַרבינדונג מיט אַ פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציע בנוגע אַן ענין ווו דער אינדיוויד רעפּרעזענטירט זיך אַליין אָדער עמעצן אַנדערש, טאָמער ס'איז פֿאַראַן אַן אַרבעטער וואָס באַהערשט די מינאָריטעט־שפּראַך.

§10 אינדיווידן האָבן תּמיד דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש ווען זיי שטעלן זיך אין שריפֿטלעכער פֿאַרבינדונג מיט דעם שוועדישן פּאַרלאַמענטס רעפּרעזענטאַנטן און דעם דיסקרימינאַציע־רעפּרעזענטאַנט. דאָס איז אויך חל אויף שריפֿטלעכע קאָנטאַקטן מיט דעם יוסטיץ־קאַנצלער, דער אַגענטור פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג, דער שטײַער־אַגענטור און דער אַרבעט־אַגענטור וואָס שייך ענינים ווו דער אינדיוויד רעפּרעזענטירט זיך אַליין אָדער עמעצן אַנדערש. געזעץ (2018:1367).

§11 די פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס זאָלן אַרבעטן פֿאַר אָנשטעלן פּערסאָנאַל מיט קענטעניש וועגן פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש, אויב מע נייטיקט זיך אין דעם ווען אינדיווידן שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַדמינסטראַציע.

§12 די פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס מעגן באַשליסן צו האָבן ספּעציעלע צײַטן און ערטער פֿאַר באַזוכן פֿון די וואָס רעדן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש, און זיי מעגן אויך האָבן ספּעציעלע טעלעפֿאָן־צײַטן.

## דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש בײַ געריכטן

§13 עמעצער וואָס רעפּרעזענטירט זיך אַליין אָדער עמעצן אַנדערש בײַ אַ פֿאַרוואַלטונג־געריכט, טינגס־געריכט, ערד־ און נאַטור־סבֿיבֿה־געריכט אָדער ים־רעכט־געריכט מיט אַ געריכט־שטח וואָס איז, אין גאַנצן אָדער צום טייל, אין די קאָמונעס דזשעליוואַרע, האַפּאַראַנדע, קירונע, פּאַיאַלע און אָווערטאָרנע'אָ, האָט דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש אָדער מיענקיעלי אין משך פֿון דעם יורידישן פּראָצעס, אויב דער פֿאַל איז פֿאַרבונדן מיט איין פֿון די דאָזיקע קאָמונעס. דאָס איז אויך חל אויף סאַמיש בײַ

אַ געריכט מיט אַ געריכט־שטח וואָס אין גאַנצן אָדער צום טייל איז אין די קאָמונעס אַרדזשעפּלאָג, דזשעליוואַרע, דזשאָק'מאָק אָדער קירונע, אויב דער פֿאַל אָדער דער ענין איז פֿאַרבונדן מיט איין פֿון די דאָזיקע קאָמונעס.

דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש איז חל אויך אויף די געריכטן ווען מען אַפּילירט אַ פּסק אָדער אַ באַשלוס אין אַ פֿאַל אָדער ענין לויטן אויבּיקן פּאַראַגראַף.

§14 דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש אין פֿאַלן אָדער ענינים, לויט §13, איז חל אויך אויף דאָס רעכט צו אַרײַנשיקן האַנדלונגען און שריפֿטלעכע דערווײַזן אויף די דאָזיקע שפּראַכן, דאָס רעכט צו באַקומען רעלעוואַנטע האַנדלונגען מויליק איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך און דאָס רעכט צו רעדן די שפּראַך אינעם געריכט אין משך פֿון מויליקע פֿאַרהאַנדלונגען. דער געריכט מוז איבערזעצן האַנדלונגען און שריפֿטלעכע דערווײַזן אויף שוועדיש, ווען עס איז נישט אומזיסט.

דער געריכט זאָל אויך אין אַלגעמיין שטרעבן צו ניצן די מינאָריטעט־שפּראַך אין זײַנע פֿאַרבינגונגען מיטן אינדיוויד אָדער דעם רעפּרעזענטאַנט.

אַן אינדיוויד אָדער אַ רעפּרעזענטאַנט פֿאַר עמעצן אָן אַ יורידישן פֿאָרטרעטער האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן פּסק־דאָקומענטאַציע און פּסק־גרונט, אָדער באַשלוס און באַשלוס־גרונט איבערגעזעצט אויף זײַן שפּראַך, אין יעדן פֿאַל און ענין ווּ עס גילט דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַניש בײַ געריכטן, לויט §13.

§15 עמעצער וואָס ווילט ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש אין משך פֿון אַ פֿאַל אָדער אַן ענין אין געריכט לויט §13 זאָל פֿאָדערן דעם אין משך פֿון דעם וואָס דער יורידישער פּראָצעס הייבט זיך אָן אָדער פֿאַרן ערשטן מאָל ווען דער אָ אינדיוויד וועט רעדן וועגן דעם פֿאַל אָדער ענין.

אַ פֿאָדערונג וועגן איבערזעצונג לויט §14, דריטן פּאַראַגראַף, מוז מען מאַכן אין משך פֿון אַ וואָך פֿון דעם וואָס מע האָט אָנגעזאָגט דעם פּסק, אויב מען האָט נישט פֿריער אינעם פּראָצעס פֿאָדערט אַזאַ איבערזעצונג.

טאָמער, מאַכט מען די פֿאָדערונג וועגן ניצן מינאָריטעט־שפּראַך שפּעטער פֿון די כּללים לויט די אויבנדיקע פּאַראַגראַפֿן, מעגט מען בטל מאַכן אַזאַ פֿאָדערונג. מע קען אויך בטל מאַכן אַזאַ פֿאָדערונג ווען עס איז קלאָר אַז עס האָט אַ נישט גוטן ציל.

§16 טאָמער, האָט עמעצער אָדער אַ רעפּרעזענטאַנט דאָס רעכט צו ניצן פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש אין אַ משך פֿון אַ מישפּט מוז מען אָנשטעלן אַן איבערזעצער לויט די באַשטימונגען אין קאַפּיטל 5 §§6-8 און קאַפּיטל 33 §9 געריכט־קאָדעקס און §§50-52 דאָס געזעץ וועגן פֿאַרוואַלטונג־פּראָצעסן (1971:291).

פֿיניש, מיענקיעלי און סאַמיש וואָס שייך קינדערגערטנער, עטלעכע אַנדערע פּעדאַגאָגישע אָרגאַניזאַציעס און געריאַטריק

§17 מע מוז, לויט אַ רעכט, אַ פּאָר מאָל אָנבאָטן אינדיווידן קינדערגערטנער און עטלעכע אַנדערע פּעדאַגאָגישע אָרגראַניזאַציעס אויף פֿיניש, מיענקיעלי אָדער סאַמיש. דאָס רעכט רעגלירט מען דורכן 8טן קאַפּיטל, §12א און דעם 25טן קאַפּיטל, §5א דאָס געזעץ וועגן שולע (2010:800). געזעץ (2018:1367).

§18 אַ קאָמונע וואָס איז אַ טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח זאָל אָנבאָטן באַדינונג ווען עמעצער פֿאָדערט צו באַקומען אַלע אָדער אַ סך טיילן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער באַדינונג אינעם גערעם פֿון געריאַטריק מיט פּערסאָנאַל וואָס באַהערשט פֿיניש, יִדיש, מיענקיעלי, ראָמאַני טשיב אָדער סאַמיש. געזעץ (2018:1367)

§18א אַ קאָמונע וואָס איז נישט קיין טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח זאָל אָנבאָטן באַדינונג ווען עמעצער פֿאָדערט צו באַקומען אַלע אָדער אַ סך טיילן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער באַדינונג אינעם גערעם פֿון געריאַטריק מיט פּערסאָנאַל וואָס באַהערשט פֿיניש, יִדיש, מיענקיעלי, ראָמאַני טשיב אָדער סאַמיש, אויב די קאָמונע האָט פּערסאָנאַל מיט אַזוינע שפּראַך־קענטענישן. דער זעלבער זאַך איז חל אויף קאָמונעס וואָס איז אַ טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג־שטח פֿאַר איין שפּראַך, וואָס שייך די אַנדערע שפּראַכן. געזעץ (2018:1367)

§18ב די קאָמונע זאָל אין דעם גערעם פֿון אַזאַ פֿאַרזאָרג, אָנדעבאָטן לויט §§18 און 18א, אַכט געבן אַז אַלטע מענטשן אָפֿט מאָל נייטיקן זיך אין אָפּהיטן זייערע קולטורעלע אידענטיטעטן. געזעץ (2018:1367).

§18ג די קאָמונע מוז אינפֿאָרמירן דעם וואָס אַפּליקירט אויף שטיץ אינעם גערעם פֿון דער געריאַטריק וועגן די מעגלעכקייטן צו באַקומען אַזאַ באַדינונג און פֿאַרזאָרג לויט §§18 און 18א. געזעץ (2018:1367).

## אויסמעמען

19§ טאָמער, איז עס דאָ ספּעציעלע סיבות, קען די רעגירונג אָנזאָגן פֿאַרשריפֿטן וועגן אַ ספּעציעלער אַדמיניסטראַציע וואָס אַרבעט אונטער דער רעגירונג, אַז עס דאַרף נישט פֿאָלגן 8§.

אַזאַ אויסנעם גילט נאָך דעם, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן קאַונטיס און קאָנמונעס אַ מאַנדאַט וועגן קאָמונאַלע אַדניניסטראַציעס.

## אָפּשאַצונג און אַזוי ווײַטער

20§ מע מוז אָפּשאַצן ווי אַזוי די פֿאַרוואַלטונג־שטחים פּירט דורך מיטן אָ געזעץ. די רעגירונג זאָגט אָן דורך פֿאָרשריפֿטן וואָסער אָדער וואָסערע אַדמיניסטראַציעס וואָס וועלן טראָגן דאָס אַחריות ווען ס'קומט צו דער אָפּשאַצונג. דאָס דאָזיקע אָפּשאַצונג־אַחריות הייסט אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דעם אָפּשאַצונג־אַחריות פֿון אַנדערע קאָמונעס.

21§ אַן אַדמיניסטראַציע מיט אָפּשאַצונג־אַחריות מוז אויך דורך געבן עצות, אינפֿאָרמירן און אַזאַ מין אַרבעט העלפֿן אַנדערע פֿאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציעס צו דורכפֿירן מיטן געזעץ.